קינדערלאַנד

אַרויסגעגעבן פון

נאַציאָנאַלען בילדונגס-קאָמיטעט פון אַרבייטער-רינג.

נומער 3. נו-יאָרק מערץ, 1921

ס׳דויערט לאַנג דער ווינטער

(פון רוסישען)

פון י. פיראָזשניקאָוו



ס׳דויערט לאַנג דער ווינטער,
ס׳ליגט דער שניי צעשפרייט,
וואלד וויל מער ניט בלייבען
נאַקעט און אָן פרייד . . .
ווארט נאָר, וואלד, אַ, ווארט נאָר!
— ס׳בלייבט ניט ווארטען לאַנג —
פרילינג ברענגט דיר בלעטער,
פייגעל און געזאַנג.

ס׳דויערט לאַנג דער ווינטער,
ס׳ליגט דער שניי צעשפרייט;
קינדערלעך אין שטוב דאָרט
בענקען שטילערהייט . . .
ווארט נאָר, קינדער, ווארט נאָר!
ס׳קומט אַ גאַסט אַט באַלד:
ס׳ווינקט איך שוין דער פרילינג,
ס׳גריסט אייך פעלד און וואַלד.

ס׳דויערט לאַנג דער ווינטער,
ס׳ליגט דער שניי צעשפרייט;
ער וויל שוין מער ניט טראָגען
ס׳אַלטע ווייסע קלייד . . .
ווארט נאָר, ערד, אַ, ווארט נאָר!
קוק זיך צו אַהין:
ס׳טראָגט דיר שוין דער פרילינג
קליידער פראַכטפול גרין.

לאָלאַ טראַכטער

פון לאה ק. האָפמאַן

אַזוי פריי ווי דער ווינט, וואָס האָט קיין מאַמען, זיינען אַרומגעלאָפען דריי איינגלעך איבער די בראָנקסער גאַסען און געזוכט וואָס צו צעשטערען. האָבען זיי געטראָפען אונטער די פיס עפּעס אַ קעסטעל אָדער אַ ליידיג פלעשעל, האָבען זיי עס געבריקעט מיט די פיס, ביז די אָרעמע כלי איז צעפאַלען געוואָרען אויף שטיקלעך. אָבער זייער באַגער נאָך צעשטערונג איז געבליבען ניט באַפרידיגט, און זיי האָבען ווידער געזוכט עפּעס אַ שטאַרקע גאַנצע זאַך, וואָס זאָל זיך ניט לאָזען צעברעכען, און וואָס זאָל קרעכצען און קנאַקען אונטער זייערע הענט, ביז וואַנען עס וועט פאַלען אין קאַמף הילפלאָז און צעשטערט.

האָבען די איינגלעך געטראָפען אַ ליידיגע מילך־קאַן, האָבען זיי זיך אַלע דריי אַ לאָז געטאָן צו איר, און געמוטשעט די כלי, ביז איר איינענטימער האָט דערהערט אירע געשרייען, און איז אַרויסגעלאָפען, געראַטעוועט די מילך־קאַן און צעטריבען די איינגלעך.

זיינען זיי זיך ווייטער געגאַנגען, און דער צופאַל האָט זיי צוגעשיקט אַ גוט שטיקעל פּרנסה.

לעבען אַ שפּייז־קראָם זיינען געשטאַנען דריי קעסטלעך פון ווייסען האָלץ, אָנגעפילט מיט פּאַקשטרוי. האָבען זיך די איינגלעך אַ לאָז געטאָן צו די קעסטלעך, און יעדער האָט געכאַפּט זיין קרבן און איז מיט אים אַנטלאָפען ווייטער אין גאַס.

פונקט דאַן איז דורכגעגאַנגען אין גאַס אַ איינגעל פון אַ יאָר צען, וואָס האָט געהאַלטען די הענט אין די קעשענעס און די אויגען צו דער ברייטער וועלט. דאָס איינגעל האָט געהייסען לאָלאַ; אָבער זיין מאַמעס לאַנדסלייט, וועמען עס האָט פאַרדראָסען, פאַרוואָס ער רעדט ניט צו זיי, האָבען אים גערופען „טראַכטער“, און די איינגלעך אין גאַס האָבען אים גערופען „לאָלאַ־טראַכטער“.

לאָלאַ האָט ליב געהאַט ניט נאָר צו טראַכטען; ער האָט אויך ליב געהאַט גוטע, שיינע און נוצליכע זאַכען. אַז ער האָט געקראָגען אַ שטיקעל האָלץ, האָט ער געאַרבעט איבער דעם מיט זיין מעסערל, ביז וואַנען ס'איז אַרויס דערפון אַ פייפעלע, אָדער אַ פידעלע, אָדער גאָר אַ וועגעלע. עפּעס האָט געמוזט דערפון ווערען, וואָס ס'איז פריער ניט געווען, ווייל לאָלאַ־טראַכטער האָט געוואָלט זיין שיין געפיל פון באַשאַפען אַריינגעבען אין וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. אַליין ניט ווייסענדיג, האָט ער ליב געהאַט די וועלט, און ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגען, אַז מען צעשטערט עפּעס. „גאָר ניט ווי אַ איינגעל“, האָט זיין מאַמע געזאָגט אויף אים, און לאָלאַ האָט געטראַכט, אַז ער'ט בעסער זיין ווי אַ מיידעל, איידער ער זאָל ווי אַ ווילדער אַלץ צעשטערען, ווי איינגלעך טוען.

דערפאַר, אַז לאָלאַ האָט דערזעהן ווי די דריי ווילדע איינגלעך לויפען מיט די קעסטלעך, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז די קעסטלעך שרייען צו אים און בעטען, ער זאָל זיי ראַטעווען פון מערדערישע הענט. און לאָלאַ האָט געטראַכט, אַז ער וואָלט געקאָנט מאַכען זעהר שיינע זאַכען פון אַזעלכע ווייסע לויטערע קעסטלעך, און זיי ווילען עס צעשטערען אָן שכל און אָן רחמנות, ווי ווילדע חיות. נאָר געהייב זיך אָן מיט אַזעלכע איינגלעך; זיי וועלען אים געבען מיט די קעסטלעך איבער'ן קאָפּ, אַז ער וועט זיך אַריינמישען.



איז לאַלאַ געשטאַנען פון דערווייטען און צוגע-
קוקט מיט ווייטאָג אין האַרצען, ווי מען צעברעכט
איין קעסטעל נאָכ'ן אַנדערען, און אַט — דאָס לעצ-
טע קעסטעל האָבען זיי אַ כאַפּ געטאָן. מער האָט
ער שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטען. ער איז צו צו
די אינגלעך און גענומען פאַרהאַנדלען מיט זיי וועגען
דעם קעסטעל; צי זיי וועלען עס אים אָוועקגעבען
פאַר אַן אויסגעשניצט מענשעלע, וואָס ער האָט ביי
זיך.

די אינגלעך האָבען דערווייל איבערגעלאָזט
זייער צעשטערונגס-אַרבעט און זיך פאַראינטערע-
סירט מיט דעם האַנדעל.

— לאָמיר זעהן, וואָס אַזוינס פאַר אַ מענשעלע
דו האָסט, — האָט איינער פון די אינגלעך געזאָגט.

לאַלאַ האָט זיי געוויזען דאָס מענשעלע, און אַלע
דריי אינגלעך האָבען עס גענומען באַטראַכטען מיט
אינטערעס.

— וואו האָסטו דאָס גענומען? — האָט איין
אינגעל געפרעגט.

— איך האָב דאָס אַליין געמאַכט, — האָט
לאַלאַ געענטפערט.

— אַליין געמאַכט! — האָט זיך דער אינגעל
געוואונדערט.

— איך מאַך אַלע מיינע צאַצקעס אַליין, — האָט
לאַלאַ געזאָגט, ניט צו באַרימען זיך, נאָר צו איבער-
צייגען, אַז דאָס מענשעלע איז זיין אַרבעט.

— ווער האָט דיך געלערנט? — האָט אַ אינגעל
געוואָלט וויסען.

— איך האָב זיך אַליין אויסגעלערנט; איך האָב
ליב צו שניצען. סאיז אַ שיינע שפּיל; מען זעהט
פאַר די אויגען, ווי פון אַ שטיקעל האָלץ ווערט עפּעס
אַ שיינע זאַך.

— לערן מיך אויך אויס, — האָט דער אינגעל
געבעטען.

— דאָס קאָן מען ניט אויסלערנען קליינערהייט.
אַז דו וועסט זיין אַ גרויסער, זאָל דיך דיין טאַטע
שיקען אין אַקאַדעמיע, — האָט אים לאַלאַ דער-
קלערט.

דעם אינגעל איז די עצה געפעלען געוואָרען,
און ער האָט זיך באַלד באַרימט, אַז אים וועט מען
זיכער שיקען אין אַקאַדעמיע און ער'ט ווערען אַ
וועלט-באַרימטער סקולפּטאָר.

— איך אויך! — האָט נאָך אַ אינגעל געזאָגט.
און באַלד נאָך אים האָט דער דריטער אינגעל אַריינ-
געשריען: — איך אויך!

האָט לאַלאַ גענומען פאַרהאַנדלען מיט די אינג-
לעך וועגען קעסטעל, און דער געשעפט איז באַלד
געמאַכט געוואָרען: די אינגלעך האָבען געקראָגען
דאָס מענשעלע און לאַלאַ—דאָס קעסטעל.

אַז לאַלאַ איז שוין אַוועק מיט'ן קעסטעל, האָבען
זיך די אינגלעך ערשט אַרומגעזעהן, אַז יעדער פון
זיי וויל דאָס מענשעלע, און מען קאָן זיך ניט צע-
טיילען אויף אַ פיינעם אופן. האָבען זיי זיך גענומען
זידלען, און ס'האָט געהאַלטען דערביי, אַז מ'זאָל זיך
צעשלאָגען. האָט דער אינגעל, וואָס האָט געהאַלטען
לאַלאַס קונסטווערק, אַ וואָרף געטאָן עס אָן דער
ערד און אַ זעץ געטאָן אויף דעם מיט'ן פוס, און
ס'איז געבליבען אויף דער ערד אַ הייפעלע קליינע
שטיקלעך האָלץ. דאָס האָט שוין קיינער ניט גע-
וואָלט. זיינען זיי אַוועק, שיקענדיג קללות גלאַט
אין דער וועלט אַריין.

אַז לאַלאַ איז געקומען אַהיים מיט'ן קעסטעל
האָט ער עס באַטראַכט מיט ליבע און געזעהן, אַז
דאָס האָלץ איז ווייך און מען קאָן דערפון מאַכען
וואָס מען וויל. איז די פראַגע — וואָס מאַכט מען
דערפון? האָט ער זיך אַוועקגעזעצט טראַכטען און
אויסגעטראַכט צו מאַכען דערפון אַ וועגעלע פאַר
זיין שוועסטערל. און ער האָט שוין געזעהן אין
זיין פאַנטאַזיע, ווי זיין שוועסטערל וועט זיך דאָס
פרייען, ווען זי וועט דערזעהן דאָס וועגעלע. און
ער וועט טאַקע אָנטאָן אויף דעם אמת'דיגע רעדלעך
פון זיין שוועסטערלס אַלטען וועגעלע, און ס'וועט
פאָרען. וועט ער זי אַריינזעצען אין נייעם וועגעלע
און זי פירען. פאַר גרויס פרייד האָט ער זיך איבער-
געקוליעט און זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט.

אַז לאַלאַ האָט אַרויסגענומען דאָס פּאַק-שטרוי
פון קעסטעל, האָט עפּעס אַ בלישטש געטאָן אויפ'ן
דעק פון קעסטעל.

„וואָס איז דאָס“? האָט זיך לאַלאַ אַזש דער-
שראָקען פאַר פרייד. און ער האָט זיך איינגעבויגען

און אַרויסגענומען פון קעסטעל אַ גאָלדענעם רינג מיט אַ סאַפיר-שטיין.

לאַלאַ האָט אויסגעשריען פאַר פרייד און איז געלאָפען אין קיך צו זיין מאַמען באַווייזען, וואָס ער האָט געפונען.

— וואו האָסטו דאָס גענומען, מיין קינד? — האָט די מאַמע געפרעגט, באַטראַכטענדיג דעם ווערטפולען רינג. האָט איר לאַלאַ דערציילט, ווי אַזוי ער האָט עס געפונען. די מאַמע האָט געוואָלט באַהאַלטען דעם רינג. אָבער לאַלאַ האָט זי געבעטען:

— ניין, מאַמע, דו טראָג אים בעסער אויף דיין פינגער; ער איז אַזוי שיין! ער גלאַנצט אַזוי פיין, אַזוי פיין!

די מאַמע האָט אָנגעטאָן דעם רינג אויף איינעם פון אירע ווייסע, לאַנגע פינגער און אַרומגעכאַפּט לאַלאַן מיט גרויס ליבע.

אַז לאַלאַ האָט פאַרטיג געמאַכט דאָס וועגעלע און געפירט אין אים זיין קליין שוועסטערל, איז מיט



זיי מיטגעגאַנגען זיין מאַמע, און דער רינג אויף איר פינגער האָט געגלאַנצט און געבעטען לאַלאַן: „קוק אויף מיר, קוק אויף מיר!“ און וואָס מער לאַלאַ האָט אויף אים געקוקט, אַלץ בעסער, אַלץ פרייליכער איז אים געוואָרען, און אים האָט זיך געוואָלט טאַנצען, שפּרינגען, קוליען זיך.

דאָס טאָג-בוך פון אַ שול-אינגעל

פון ע. ד'אַמיטשיס

אידיש פון ל. אַבראַמאָוויטש

דער ערשטער טאָג אין שול

מאָנטאָג, 17-טען אָקטאָבער.

היינט האָבען מיר אָנגעהויבען צו לערנען אין שול. ווי אַ חלום זיינען פאַריבער די דריי מאָנאַטען פון די זומערדיגע וואַקאַציעס. היינט אין דער פרי האָט די מאַמע מיך אַפּגעפירט אין דער באַרעטי-שול. מען האָט מיך דאָרטען אַריינגענומען אין דריטען קלאַס. איך בין נעגאַנגען אָן ווילען: איך האָב אַלץ געטראַכט פון דאָרף, וואו מיר האָבען פאַרבראַכט דעם זומער.

אַלע גאַסען זיינען פול געווען מיט שול-קינדער. ביידע ביכער-קראָמען זיינען געווען געפּאַקט מיט טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבען געקויפט רענצלעך, לער-ביכער און העפטען פאַר זייערע קינדער. פאַר דער שול האָט זיך צונויפגעקליבען אַזאַ גרויסער עולם, אַז דער שווייצער פון שול און אַ פּאָליציימאַן האָבען מיט גרויס מי קוים געהאַלטען אָרדענונג ביים אַריינגאַנג. לעבען טיר האָב איך דערפילט, אַז איינער האָט מיך אַ ריר געטאָן ביים אַקסעל. כ'האָב זיך אַ קער געטאָן, ערשט ס'איז דער לערער פון צווייטען קלאַס. ער איז ווי אַלעמאָל געווען פרייליך, און זיינע רויטע האָר זיינען געווען צעוואָרפען. ער האָט מיר געזאָגט:

— נו, ענריקאָ? האָבען מיר זיך, הייסט דאָס, צעשיידט אויף אַלעמאָל?

איך האָב דאָס שוין געוואוסט פון פריער; האָך האָבען זיינע ווערטער אַרויסגערופען ביי מיר אַ טרויעריג געפיל.

מיר זיינען מיט גרויס מי אַריין אין שול. מענער און פרויען אַרבעטער און באַאַמטע, אַלטע און יונגע, האָבען געהאַלטען מיט איין האַנט זייערע קינדער און

אין דער אַנדערער — ציינגנישען, אַז די קינדער זיינען אַריבער אין אַ העכערען קלאַס. דאָס פּאָדערצימער און אַפילו דער קאָרידאָר זיינען געווען איבערפולט, און דער עולם האָט אָנגעמאַכט אַ גוואַלדיגען טומעל. לערערינס האָבען אומגעשמייעט הין און צוריק. מיין לערערין פון ערשטען קלאַס, וואָס איז געשטאַנען אין טיר פון איר קלאַסצימער, האָט מיר אַ וואונק נעגעבען מיט'ן קאָפּ און געזאָגט:

— איצט געהסט דו, ענריקאָ, אַריבער מיט אַ שטאָק העכער, און איך וועל דיך שוין מער ניט זעהן. — און זי האָט נעוואָרפען אויף מיר אַן אומעטינגען בליק.

אַ סך פרויען, וועלכע זיינען געווען אומרוהיג, וואָס עס האָבען אויסגעפעלט וואַקאַנסיעס פאַר זייערע קינדער, האָבען אַרומגערינגעלט דעם דירעקטאָר; מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיין באָרד איז פון פאַראַיאָרען אָן נאָך גרויער געוואָרען, און די קינדער, מיינע חברים, זיינען אויסגעוואַקסען און דיקער געוואָרען. אויפ'ן ערשטען שטאָק, וואו מען האָט די קינדער שוין איינגעטיילט אין קלאַסען, האָבען די שילער פון דעם פאָרבאַרייטונגס־קלאַס ניט געוואָלט אַריין אין קלאַס־צימער און זיך איינגעשפּאַרט ווי קליינע אייזעלעך; מען האָט זיי געמוזט אַריינשלעפּען אין קלאַס מיט גוואַלד. געווען אַזעלכע, וואָס זיינען אַרויסגעלאָפען שוין נאָכדעם ווי מען האָט זיי אַוועקגעזעצט אויף די בענקלעך; און אַנדערע ווידער, דערזעהנדיג, אַז זייערע אייגענע, וואָס האָבען זיי נעבראַכט, נעהען אַוועק, האָבען אָנגעהויבען וויינען. און די מאַמעס האָבען זיך געדאַרפט אומקערען און טרייסטען זייערע קינדער אָדער אויפוואַרפען און איינרעדען זיי.

מיין איינגערען ברודער האָט מען פאַרשריבען אין קלאַס פון דער לערערין דעלקאַטי און מיך — אין קלאַס פונ'ם לערער פּערבאָני, וואָס איז געווען אויפ'ן צווייטען שטאָק. צען אַ זייגער זיינען מיר — פיר און פופציג תלמידים — שוין געזעסען אויף אונזערע ערטער. דאָ זיינען געווען ניט מער ווי אַ פופצען־זעכצען פון מיינע אַלטע חברים פון צווייטען קלאַס, און צווישען זיי — דער זעלבער דעראָסי, וואָס פלעגט אַלעמאָל באַקומען דעם ערשטען פרייז.

ווען איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגען די וועלדער און בערג, צווישען וועלכע איך האָב פאַרבראַכט דעם זומער, האָט די שול ביי מיר אויסגעקוקט אַזוי קליין און אומעטיג. איך האָב זיך אויך דערמאָנט אָנ'ם לערער, ביי וועלכען איך האָב געלערנט אין צווייטען קלאַס; ער איז געווען אַזאַ גוטער! ער פלעגט אַלע מאָל לאַכען צוזאַמען מיט אונז, און ער איז געווען אַזאַ קליינינקער, אַז עס האָט זיך אויסגעדוכט, ער איז אונזערער אַ חבר. מיר איז אומעטיג געוואָרען, וואָס איך וועל אים שוין מער ניט זעהן מיט זיינע רויטע צעשויבערטע האָר. אונזער נייער לערער איז געווען אַ הויכער און אָן אַ באָרד. זיינע האָר זיינען געווען לאַנגע און גרויע און אויפ'ן שטערען איז ביי אים געווען אַ טיפער קנייטש. זיין שטימע איז געווען אַ גראָבע, און געקוקט האָט ער אויף אונז עפּעס אַזוי דורכדרינגענד. ער האָט יעדען איינעם פון אונז באַטראַכט אַזוי, ווי ער וואָלט וועלען אַריינדרינגען אין אונזערע נשמות. ער לאַכט קיינמאָל ניט. און איך האָב אַ טראַכט געטאָן: „דאָס איז דער ערשטער טאָג! און אַזוי וועלען זיך אַוועקציהען גאַנצע ניין חדשים! וויפיל האַרעוואַניע, וויפיל עקזאַמענעס מיט שווערער, שווערער אַרבעט!“

מיר האָט זיך זעהר שטאַרק פאַרוואָלט נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן אויף מיין מאַמען. ווען זי האָט געהאַלטען ביים אַוועקגעהן, בין איך צוגעלאָפען צו איר און אַ קוש געטאָן איר אין האַנט. און זי האָט מיר געזאָגט: „זיי מוטיג, ענריקאָ! מיר וועלען צוזאַמען אַרבעטען.“

איך האָב זיך דעם טאָג צוריקגעקערט אַהיים אַ גאַנץ פרייליכער; נאָר איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל שוין מער ניט האָבען מיין אַלטען לערער: איך וועל שוין מער ניט זעהן זיין ליבליכען, פרייליכען שמייכעל; און די שול האָט שוין ניט אויסגעזעהן ביי מיר אַזוי ליב און פיין, ווי פריער.

אונזער לערער

דינסטאָג, 18־טען אָקטאָבער.

נאָך הייגטינגען לערנען בין איך געבליבען צופרידען מיט מיין נייעם לערער. פאַר'ן אָנפאַנג פון דער לעקציע, ווען ער איז שוין געזעסען אויף זיין פּלאַץ, זיינען צו אים צו זיינע פאַראַיאָריגע תלמידים און זיך געגריסט מיט אים. זיי פלעגען פאַרביינעהענדיג עפענען די טיר, אַריינקוקען אין קלאַס־צימער און אַרויסזאָגען: „גוט מאָרגען, לערער! גוט מאָרגען, הער פּערבאָני!“ אייניגע פון זיי זיינען אַפילו פאַרגאַנגען אין צימער און געדריקט זיין האַנט. עס איז קענטיג געווען, אַז זיי האָבען אים ליב און וואָלטען וועלען צוריק קומען צו אים לערנען. ער פלעגט

זיי ענטפערן אויפ'ן „גוט מאָרגען“, דריקען די הענט, וואָס די קינדער פלעגען אים דערלאַנגען, אָבער דערביי אויף קיינעם ניט געקוקט און געבליבען ערנסט ניט קוקענדיג אויף אַלע באַגריסונגען. זיינע אויגען זיינען געווען געווענדעט צום פענסטער אָדער אויפ'ן דאַך פון אַנטקעגענדיגען הויז. עס האָט זיך געדוכט, אַז ניט ער פרייט זיך, ווען ער הערט די באַגריסונגען, נאָר פאַרקערט, ער ליידט דערביי. נאָכדעם האָט ער אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף אונז, געוואָרפען אַ בליק אויף יעדען איינעם פון די שילער און גענומען ארומגעהן צווישען בענקלעך און דיקטירען אונז.

ווען ער האָט דערזעהן, אַז ביי איין אינגעל איז דער גאַנצער פנים רויט און באַדעקט מיט פלעקען, האָט ער אויפגעהערט דיקטירען, אַנגענומען מיט די הענט דעם אינגעלס קאָפּ און געפרעגט, וואָס איז דאָס ביי אים. נאָכדעם האָט ער ביי אים אַ טאַפּ געטאָן דעם קאָפּ, צי ער האָט ניט קיין היץ. גראָד דעמאָלט האָט זיך אַ צווייטער אינגעל געשטעלט הינטער'ן רוקען פונ'ם לערער

און גענומען מאַכען האַוואַיעס. דער לערער האָט זיך פלוצלונג אַ דריי געטאָן. דער האַוואַיעס־מאַכער האָט זיך שנעל אוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געוואַרט אויף אַ שטראָף. אָבער דער לערער האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפ'ן קאָפּ און געזאָגט:

— מער זאָלסטו אַזעלכעס ניט טאָן!

און דאָס אַליץ. נאָכדעם האָט ער זיך אומגעקערט צום טישעל און געענדיגט דעם דיקטאַט. ער האָט נאָך אַ ווילע שווייגענדיג געקוקט אויף אונז און דערנאָך האָט ער צו אונז געזאָגט מיט זיין גראָבער אָבער דאָך גוטער שטימע:

— הערט אויס, קינדער! אונז וועט אויסקומען פאַרברענגען צוזאַמען אַ גאַנץ יאָר. לאָמיר זעהן לעבען די צייט ווי פריינד. לערנט זיך גוט און פירט זיך אויף גוט. איך האָב ניט קיין פאַמיליע. מיין פאַמיליע—דאָס זייט איר! פאַראַיאָרען האָב איך נאָך געהאַט אַ מוטער. היינט איז זי שוין טויט. איך בין געבליבען אַליין. איך האָב אויף דער גאַנצער וועלט קיינעם ניט, אויסער אייך. איך קלער ניט וועגען קיינעם אויסער אייך. איר דאַרפט ווערען מיינע קינדער. איך האָב אייך ליב און איך וויל, איר זאָלט מיך אויך ליב באַקומען. איך וואָלט קיינעם ניט וועלען באַשטראָפען. באַווייזט, אַז איר האָט אַ האַרץ. אונזער שול וועט זיין מיין פאַמיליע און איר וועט זיין מיין טרייסט און מיין שטאָלץ. איך פאָדער ניט פון אייך, איר זאָלט מיר אויף דעם געבען אַ שריעה. איך בין זיכער, אַז טיף אין האַרצען זייט איר שוין מיט מיר איינשטימיג, און איך דאַנק אייך דערפאַר.

די לעקציע אונזערע האָט זיך דערמיט געענדיגט. מיר זיינען אַלע שטילערהייט אויפגעשטאַנען פון אונזערע פּלעצער. נאָר דער אינגעל, וואָס האָט זיך פריער געשטעלט אויף דער באַנק און נאָכגעקרימט דעם לערער, איז איצט צוגעגאַנגען צו אים און האָט מיט אַ ציטערנדען קול געזאָגט:

— זייט מיר מוחל, הער לערער!

דער לערער האָט אים אַ קוש געטאָן אין שטערען און געזאָגט:

— געה זיך דיר געזונטערהייט, מיין קינד!

די נייע היים

פון מ. רודענסקי

(פון קינדער־לעבען אין דער אלטער היים)

— שטעה אויף, יאסעלע, שטעה אויף! — האט געוועקט לאה, א מיידעל פון א יאר צוועלף, איר פיר־יאריגען ברודערל. — שטעה אויף, איך וועל דיך אוועקפירען אין קינדער־היים. דארט איז גוט, וועסט זיך שפילען, מען וועט דיר עסען געבען.

יאסעלע האט קוים געעפענט זיינע אייגעלער, און ווידער זיי פארזשמורעט. גראד האט אין יענעם הערבסט־טאג די זון דורכגעריסען זיך דורך די שווערע בלייערנע וואלקענס און האט באגאסען מיט ליכט די ענגע שמאלע געסלעך. די זון האט אויך אריינגעקוקט אין זייערע קליינע פענסטערלעך און מיט אירע גאלדענע שטראלען ארומגעטאנצט איבער יאסעלעס פנים.

יאסלען האט אנגעהויבען קיצלען פון דער זונס שטיפעריי. ער האט ארויפגעצויגען זיין צעריסענע קאלדרע איבער'ן קאפ און אויף אזא אופן געוואלט אויסבאהאלטען זיך פון דער שטיפערין, דער זון. אבער דא האט זיך ווידער אריינגעמישט זיין שוועסטער לאה; זי האט אראפגעשלעפט די קאלדרע פון אים. זי האט אים ארומגעכאפט מיט אירע קליינע הענטלעך און ארויסגענומען פון זיין געלעגער.

יאסעלע האט אריבערגעווארפען זיין קעפעל איבער די אקסלען פון זיין שוועסטער, מיט זיינע ווארימע הענטלעך ארומגענומען זיין שוועסטערלס האלז. די אייגלעך אבער האט ער אלץ געהאלטען פארמאכט.

לאה האט אוועקגעשטעלט יאסעלען אויף א בענקעל, אויף דער גיך אנגעצויגען אויף אים זיינע אלטע, צעריסענע בגדים'לעך, איינגעוואשען זיין פנים'ל, גענומען אים פאר'ן הענטעל און ארויס מיט אים אויפ'ן גאס.

אויך אויפ'ן גאס איז אויסגעקומען יאסעלען צו זשמורען זיינע אייגעלעך. די זונען־שטראלען האבען דא נאך מער שטיפעריש זיך א יאג געטאן צו אים. גיך אבער האט זיך יאסעלע צו זיי צוגעוואוינט.

אין יאסעלעס קעפעל האבען זיך נאך געבאמבעלט די בינידערנאכטיגע חלומות, און ער איז געגאנגען פארשלאפען און פארטראכט.

זיין שוועסטער לאה האט אים א צי געטאן:
„קום, יאסעלע, גיכער, עס איז שוין שפעט."

וואוהין זי פירט אים, האט יאסעלע ניט געוואוסט. נאר זיין שוועסטער האט ער זעהר ליב געהאט. זי איז זיין צווייטע מוטער געוועזען. זיין מאמען האט ער ווינציג־וואס אין שטוב אנגעזעהן. זי איז שטענדיג געוועזען פארנומען. גאנץ פרי פלעגט זי די שטוב פארלאזען, און אומגעקערט האט זי זיך שפעט. יאסעלע האט זיך אויך דערמאנט, אז לאה האט אים געזאגט, אז מען וועט דארט עסען געבען, און זיין הערצעל האט טאקע געצויגען; אים האט זיך שוין געוואלט עפעס עסען.

יאסעלע האט אנגעהויבען אויף דער גיך געהן, כמעט ווי לויפען. לאה האט אויך אנגעהויבען צו איילען זיך. אזוי זיינען זיי אדורכגעלאפען עטליכע געסלעך, ביז זיי האבען זיך אפגעשטעלט ביי א הויז.

— אט דא איז דאס, — האט לאה צו איר ברודערל געזאגט. — זעה, יאסעלע, זיי א גוט אינגעלע, וועט דיר גוט זיין.

יאסעלעס הערצעל האט אנגעהויבען שטארק קלאפען פאר פרייד און מורא.

זיי זיינען אריין אין פאדערשטען צימער. דארט האבען זיך געשטויסען פיל אינגלעך און מיידלעך. דאס צימער איז געוועזען ריין, ליכטיג, ווייס אויסגעקאלכט. ארום די קינדערלעך זיינען ארומגעגאנגען עטליכע יונגע מיידלעך אין ווייסע פארטיכער און האבען פון זיי זייערע אויבערשטע בגדים'לעך אראפגעצויגען און אויך אנגעצויגען אויף זיי ריינע אויבערשטע העמדלעך. יאסעלע האט קיינמאל אזוי פיל קינדער ניט געזעהן, און עס האט אים געשראקען דער געטומעל; האט ער זיך צוגעטוליעט צו זיין שוועסטער. נאר אט איז אויך צו אים צוגעגאנגען

א יונגע מיידעל, מיט א פּאָר שיינענדיגע ליכטיגע אויגען. זי האָט זיך געווענדט צו לאה'ן: „דאָס איז דאָס אייער ברודערל? ווי רופט מען אים? — יאָסעלע?"

די מיידעל האָט אים א גלעט געטאָן איבער'ן פּנים און א זאָג געטאָן: „זעהר א שיין אינגעלע."

יאָסעלע האָט דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען געהערט פון א פרעמדען מענשען אזעלכע גוטע ווערטער, און ער האָט צוטרויליך א שמייכעל געטאָן צו דער פרעמדער מיידעל.

זי האָט זיך צו אים איינגעבויגען, געוואָלט פון אים אראָפּציען זיין רעקעל. ער האָט זיך געפּרואווט ארויסגליטשען פון אירע הענט און ווידער אמאָל צוטוליען זיך צו זיין שוועסטער. די פריילין אָבער האָט אים א כאַפּ געטאָן אויף די הענט, אנגעטאָן אים און אראָפּגעלאָזען אויף דר'ערד. ער איז שוין געוועזען אנגעטאָן אין א ווייס קלאָר העמדעל, און האָט מיט שטאָלץ ארויפגעקוקט צו זיין שוועסטער.



לאה'ס אויגען זיינען געוועזען פאַרלאָפען מיט טרערען פאר שמחה. ווען זי האָט געוואָלט אוועקגעהן, איז יאָסעלען געוואָרען זעהר אומעטיג, און ער האָט זיך געלאָזען געהן נאָך איר. נאָר ווידער אמאָל איז צוגעשפּרונגען צו אים א יונג פריילין, גענומען אים פאר'ן הענטעל און אריינגעפירט אין צווייטען צימער.

דאָס גרויסע צימער איז געוועזען באַגאָסען מיט ליכט. ארום די ווענט זיינען געהאַנגען פאַרשידענע שפּילצייג. אויף קליינע בענקעלעך, ארום קליינע טישעלעך, זיינען געזעסען צו דריי-פיר קינדערלעך. די פריילין האָט אים אויך ביי אזא טישעלע אוועקגעזעצט. מיט פאַרגעניגען האָט ער זיך ארומגעקוקט, וואו געפינט ער זיך דאָס.

קליינע קינדערלעך האָבען צו די טישען צוגעטראָגען קליינע טעלערלעך מיט זופּ, פון וועלכע עס האָט געשפּאַרט א פּאַרע. לעבען יאָסעלען האָט מען אויך אזא שיסעלע זופּ אוועקגעשטעלט. ער האָט מיט די אויגען דעם זופּ געגעסען און ניט געוואַגט אויפהייבען זיינע הענטלעך; נאָר ווידער אמאָל האָט זיך לעבען אים די ערשטע פריילין באַוויזען און מיט א ליבען שמייכעל געזאָגט: „עס, יאָסעלע, דאָס איז פאר דיר."

די קינדער האָבען אָפּגעגעסען, און פון עטליכע זייטען האָט זיך דערהערט א געזאַנג: דאָס האָבען די עלטערע קינדער אליין אָנגעהויבען צו זינגען.

אין א ווײַלע ארום האָט מען זיי פון די טישלעך צוגענומען און אין אַן אַנדער גרויסען ליידיגען צימער אריינגעפירט, און מען האָט זיך אָנגעהויבען שפּילען, טאַנצען און שפּרינגען. יאָסעלע איז גיך אריינגעצויגען געוואָרען אין דער נייער סביבה.

ווי אין א חלום האָט זיך יאָסעלע געפונען, און ווען עס איז פאַרנאַכט געקומען לאה'לע אים אהיימנעמען, האָט אים באַנג געטאָן צו לאָזען זיין נייע היים און אומקערען זיך אין זייער ענג, אומעטיג הייזעל.

אויף מאָרגען האָט שוין לאה יאָסעלען ניט געדאַרפט וועקען. א גאַנצע נאַכט האָט ער נאָר געטרוימט וועגען זיין נייער היים, און גאַנץ פרי איז ער אהין אוועקגעלאָפען.

פרילינג

פון נפתלי גראָס

ווי ס'קומט נאָר אָן דער פרילינג,
ס'פאַרשווינדט דער שניי און קעלט, —
דאַן ווערט מיט בלויע פיאַלקעס
באַשאָטן ס'גאַנצע פעלד.

די ביימער קריגען בלעטלעך,
די קאַרשענביימער — צוויט,
די קעצלעך פון די ווערבעס —
זיי ווערען פלוצלונג ניט.

די שוואַלבען בויען נעסטען
האַרט אונטער אונזער דאַך;
דאָס צוויטשערן און זינגען —
זאָגט מאַ — איז זייער שפּראַך.

ווען ס'טונקעלט, נעם איך אָפטמאָל
פון נעסט אַ שוואַלב אַרויס;
שרייט מאַמע, אַז מען טאָר ניט —
זיי ברענגען גליק דעם הויז.

קאַשטאַן

פון יעקב קרעפּליאַק

האָט איר געלייענט שלום-עליכם'ס מעשה וועגען אַ אידישען הונט „ראַבטשיק"? ביי אונז אין שטעטעל איז געוועזן אַזאַ קהל'שער אידישער הונט, אָבער גאָר פון אַ גאַנץ אַנדער טבע.

„קאַשטאַן" האָט מען אים גערופען. — אַ געלער, אויסגעפּאַשעטער הונט ווי אַ קאַלב, און שטאַרק ווי אַן עקסעל.

ביי אונז אין שטעטעל איז אויך געווען שלום-עליכם'ס גאַנצע קאַפּעלע קצב'ישע הינט: דער שוואַרצער „זשוק" אָן דעם ווײַדעל, דער רויטער מאָכנאַטער „רודעק", דער קליינער עזות'דיגער „צוציק" און די אַלע אַנדערע הינט, וואָס פלעגען זיך אַרומדרייען אַרום די יאַטקעס ביי טאָג און ביי נאַכט איבער'ן פּוסטען מאַרק.

דאָס זיינען אַלץ געווען הינט מיט הינטישע הכנעה'דיגע כאַראַקטערס. מיר, אינגלעך, האָבען געקאָנט מאַכען מיט זיי, וואָס מיר האָבען געוואָלט: צווינגען זיך שטעלען „סמירנאָ" אויף די הינטערשטע פיס; אונז אָפּגעבען „טשעסט" מיט איין לאַפּע, אָנבלאָזען אין אַן אויער, אָדער גאָר צוקוועטשען דעם ווײַדעל . . .

אָבער מיט קיין איינעם פון זיי האָבען מיר ניט גע־פירט קיין חבר'שאַפט; חבר זיינען מיר נאָר געווען מיט קאשטאַנען, כאָטש ער פלעגט זיך ניט שטעלען „סמירנאָ", זיך ניט לאָזען בלאָזען אין אויער, און וועגען צוקוועטשען דעם ווייִדעל איז שוין אָפּגערעדט.

ער איז געווען אַ שטאָלצער הונט, אַ פּערזענליכקייט, מיט אַ מויל ציינער, וואָס ער פלעגט ביי זיין יעדער אומ־צופרידענקייט אַזוי ארויסווייזען, אַז מען האָט געמוזט האָבען דרך־ארץ.

קאשטאַנען האָבען מיר ליב געהאַט. וועגען קאַש־טאַנען האָבען די עלטערע כיתות איינגלאַך דערציילט מעשות: אַז ער האָט ארויסגעשלעפּט פאַר'ן קליידעל אַ מיידעלע פון טייך; אַז ביי נאַטע דעם פאַכטער האָט ער געראַטעוועט אַ פערד פון וועלף, און דער עיקר, ער האָט ביי דעם רבי'ן „ר' בערציק קניפּ" אָפּגעריסען אַ פּאָלע און אים אויף טויט איבערגעשראָקען . . . אמת, דער געשמיסענער איינגעל, וואָס האָט קאשטאַנען אָנגע־רייצט, איז ווידער געשמיסען געוואָרען, און קאשטאַנען האָבען ר' בערציקס קרובים אַ פּאָר טעג ארומגעזוכט, אָבער קאשטאַן איז געוואָרען אונזער העלד און אונזער חבר.



קאשטאַן איז טאַקע געווען אונזערער אַ קינדערשער הונט. אויב ער פלעגט ניט דערלאָזען מאַכען קיין קונצען מיט זיך, האָט ער אָבער גוטמוטיג געלאָזט פירען אויף זיך אונזערע קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך. ער פלעגט זיך שטעהן רוהיג, גוטמוטיג און לאָזען זיי ארויפ־זעצען ביי זיך אויפ'ן רוקען; פון צייט צו צייט אומ־דרייען דעם קאָפּ, אַ קוק טאָן, וואו האַלט עס דאָרט אין דער וועלט, צי עס זיצט שוין, און פּאַוואָליע זיך דורכ־שפּאַצירען מיט'ן קינד.

ער איז אויך געווען אַ אידישער הונט. אַ חזיר פלעגט ער אַ גאַס ניט לאָזען אדורך. פלעגט ער נאָר דער־זעהן אַ חזיר, פלעגט ער זיך אַ וואָרף טאָן ווי אַ וואָלף, זיך איינבייסען אין אַן אויער און אַזוי באַגלייטען דעם קוויטשענדען חזיר ביז די גוי'אישע גאַסען.

די „מעשטשאַניעס" האָבען אים דעריבער שטענדיג געוואָלט פאַר'סמ'ען. ניט איין מאָל האָבען שקצים אים אונטערגעוואָרפען ברויט מיט גיפטיגע קאַשטאַנעס, פּעטע קאָטלעטען מיט צעשטויסענעם גלאָז . . . נאָר שטענדיג פלעגט עס קאשטאַן דערשמעקען און זיך ניט צורירען.

קאשטאַן איז געווען אַ הונט פאַר זיך. קיין באַ־לעבאָס האָט ער ניט געהאַט און ניט געוואָלט האָבען. איז געקומען אַ איינגעל זיך באַרימען, אַז ער האָט „איינ־געגאַרזשעט" קאשטאַנען, אַז איצט איז שוין קאשטאַן זיין הונט, און ער קאָן אים אָנרייצען אויף וועמען ער וויל, אַז ער האַלט אים אין שטוב און גיט אים פון פייגעל־מילך . . . האָבען מיר געוואוסט, אַז עס איז ניט אויף לאַנגע יאָר. כמעט יעדער איינגעל פון אונז האָט עס פּרובירט. אין עטליכע טעג ארום האָבען מיר געהאַט זיך צו רייצען מיט'ן איינגעל: וואו איז קאשטאַן? וואָס הערט זיך מיט דיין פייגעל־מילך?

אין דער אמת'ען: וואָס האָט געקענט צובינדען קאשטאַנען צו אַ באַלעבאָס, אַז הארט הינטער'ן שטעטעל האָט גערוישט דער ברעגלאָזער, צעוואַקסענער וואַלד, וואו האָזען זיינען געשפּרונגען איבער פּאָליאַנעס, און געצויגען זיך ברייטע פעדלער, וואו פעטע קוראָפּאַטקעס זיינען גע־לעגען פאַרשטעקט מיט די קעפּלעך אין פוכקען שניי און ווי געוואַרט נאָר, אַז קאשטאַן זאָל קומען און זיי אַ כאַפּ טאָן מיט די ציינער.

אַלע הינט האָט זיך געלעבט ביי אונז אין שטעטעל גוט און פריי. זיי פלעגען קיינעם ניט טשעפּען און קיי־נער האָט זיי ניט געטשעפּעט. אָבער ניט שטענדיג זיינען זיי געווען זיכער. פון צייט צו צייט פלעגען זיך אראָפּ־לאָזען פון דער גרויסער שטאָט צו אונז אין שטעטעל הינטשלעגער, אָדער ווי מיר פלעגען זיי רופען, „ראַקאַ־רעס", היצליעס". אין אַזעלכע טעג פלעגען מיר גלייך

באַגינען דערהערען די יללה פון די געכאַפּטע און צונגעשטיקטע הינט. ארויסקוקענדיג פון די פענסטער, פלעגען מיר דערזעהן, ווי ס'געהען צוויי הינטשלעגער, יעדערער ביי איין זייט טראָטואר מיט פּעטליעס אויף לאַנגע שטעקענס. און זיי געהען זיך אזוי שטיל, נעלאַסען, גנבה'דיג. און ס'איז נאָר געווען זיך צו וואונדערן: אזעלכע לאַנגע שטעקענס, און זיי זעהען זיך גאָרניט אָן; זיי האַלטען זיי עפּעס פון דער זייט, פון הינטען, אז זיי מערקען זיך גאָרניט.

לויפט אַ הונט פראַנק און פריי אנטקעגען; ער מיינט גאָרניט, ער וויים גאָרניט . . . און פלוצלונג א פייף, און די טויטען־פּעטליע ווארגט אים שוין, דערשטיקט אין אים דעם אָטעם . . .

אנדערע הינט כאַפּען זיך אין דער לעצטער רגע. גיט זיך דעם הינטשלעגער ניט איין צו פאַרציען די פּעטליע אויפ'ן האַלז, אָבער פאַר א פּיסעל האָט ער אים זיכער . . . און דער הונט שטעלט זיך אַנטקעגען, ער ראַנגעלט זיך פאַר'ן לעבען; ער רייסט זיך, וויל זיך מיט וואוט וואַרפען אויפ'ן הינטשלעגער; אָבער זיינע ציין טרעפען נאָר אָן דעם געשמידטען ברעג פון לאַנגען שטעקען. מענשען שטעלען זיך אָפּ קוקען אויף דעם הונטס ראַנגלעריי — גלייך גיט אים דער ראַקאַר א הייב פאַר דעם איינגעקרעמפּעוועטען פּיסעל אויפ'ן הויכען שטעקען אין דער לופטען און אַ טראַסק אָן ברוק, א הייב אין דער לופטען און א טראַסק אָן ברוק . . .

אויף אונז, קינדער, פלעגט דאָס אָנקומען פון די הינטשלעגער אָנוואַרפען א מורא. די מאַמעס פלעגען אונז סטראַשען מיט די ראַקאַרעס, מיט די היצליעס, פונקט ווי מיט'ן אוריאַדניק. ביי אונז אין די אויגען האָט א הינטשלעגער אויסגעזעהן, ווי א מלאך־המות. מיר האָבען געהאַט דאָס געפיל, אז א היצעל קאָן איינעם פון אונז קינדער, אויך זיך אזוי גרינג א הייב טאָן א פאַרצויגענעם אין דער לופטען און א טראַסק אָן דר'ערד, און א טראַסק אָן דר'ערד . . .

ווידער האָבען מיר זיך נעשראָקען פאַר קאַשטאַנען, טאָמער פאַלט קאַשטאַן אריין. מיר האָבען געוואוסט, אז די שקצים האָבען אָנגעבאָטען די הינטשלענער צו כאַפּען קאַשטאַנען און אז זיי זוכען אים ארום. אָבער געוויינטליך, פלעגט קאַשטאַן ווי דערשמעקען, ווען די ראַקאַרעס פלעגען נאָר אריין אין שטעטעל, און גלייך נעלם ווערען אין וואַלד.

איינמאָל האָט זיך טאַקע ביי אונז איבער די חדרים צעטראָגען א קלאַנג, אז די הינטשלעגער האָבען געכאַפּט קאַשטאַנען אויפ'ן מאַרק. ווען מען איז פון אונזער חדר געקומען צו לויפען, האָט זיך ארויסגעוויזען, אז קאַשטאַן איז אדורכגעשפּרונגען דורך דער פּעטליע, ווי ער וואָלט זיך נאָר א רייץ געטאָן מיט די היצליעס. די צוויי הינטשלעגער זיינען געשטאַנען מיט עטליכע שקצים און עפּעס גע'טענה'ט. א פּאָר איגלעך האָבען באַגייסטערט דערציילט, ווי אזוי דאָס איז פאָרגעקומען. אַלע אונזערע האָבען קאַשטאַנען גערימט אין הימעל אריין.

— קאַשטאַן איז א וואָלף! — האָט גע'טענה'ט דער רירעוודיגער בערעלע חייקעלס.

— ווען קאַשטאַן קאָן קלעטערן, איז ער שטאַרקער פון א בער! — האָט דער צעגאָסענער וועלוועלע חיה רייצעס זיך גערעדט נעלאַסען.

— פון וואַנען ווייסטו, אז קאַשטאַן קאָן ניט קלעטערן? — האָט זיך דער היציגער פישעלע אָנגענומען פאַר קאַשטאַנס כבוד. — אין שטאָט האָט ער ניט וואו צו קלעטערן, אָבער אין וואַלד קלעטערט ער אויף סאָסנעס . . .

ס'האָט זיך דערהערט א געלעכטער. מיר האָבען דערזעהן די הינטשלעגער און די שקצים לאַכען צווישען זיך אויפ'ן קול. דער העכערער הינטשלענער, דער עלטערער, שטשירעט מיט די ציין ווי א הונט, און דער נידעריגער, מיט די געלע פליאַמעס אויפ'ן פנים, טרייסעלט זיך פון געלעכטער . . .

— זעהסט דעם הויכען דאַרען היצעל? — האָט אונז דערציילט פישעלע. — דאָס עסט ער נאָר כאָרטען, דערפאַר איז ער אזוי דאַר . . .

— און וואָס עסט דער געלער, דער גראָבער? — האָט נעפרעגט בערעלע חייקעלס.

— מסתמא מאָפּסען, — האָט פישעלע לאַנג ניט געקלערט.

מיר האָבען דערזעהן ווי די ראַקאַרעס זעגענען זיך מיט די שקצים. און דער עלטערער דרייט זיך נאָכאַמאָל אום צו די שקצים, שטשירעט די ציין און רופט פון דער ווייטען:

— מי יעהאָ זלאַפּאַיעם . . . (מיר וועלען אים שוין כאַפּען!)

—כ'קאָן זיך שווערען, אז דאָס מיינט ער קאַשטאַנען, — האָט א זאָג געטאָן דור'קע דעם שמידס.

(ענדע קומט)

דער הייליגער

פון קאַליל גיבראַן
אידיש פון נ. גראָס

אין מיין יוגענט בין איך אַמאָל געווען ביי אַ הייליגען. ער האָט געוואוינט אין דער שטילקייט פון אַ וואלד, צווישען בערג. און ווי מיר זיינען אַזוי געזעסען און גערעדט וועגען גוטע מדות, איז מיד און הינקענדיג צוגעקומען אַ גאַסענרויבער. ווען ער איז צוגעקומען, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פאַר'ן הייליגען און ער האָט געזאָגט:

— הייליגער, איך בין געקומען, אַז דו זאָלסט מיר אַרויסגעבען אַ תשובה און אַ טרייסט. מיינע זינד זיינען שווער און איך קאָן זיי מער ניט אַריבערטראָגען.

און דער הייליגער האָט געענטפערט:

— מיינע זינד זיינען אויך שווער און גרויס.

האָט דער גאַסענרויבער געזאָגט:

— אָבער איך בין אַ גנב און אַ רויבער.

און דער הייליגער האָט געענטפערט:

— איך בין אויך אַ גנב און אַ רויבער.

האָט דער גאַסענרויבער געזאָגט:

— אָבער איך בין אַ מערדער און דאָס בלוט פון פיל מענשען שרייט אין מיינע אויערן.

און דער הייליגער האָט געענטפערט:

— איך בין אויך אַ מערדער, און אין מיינע אויערן שרייט אויך דאָס בלוט פון פיל מענשען.

האָט דער גאַסענרויבער געזאָגט:

— איך בין באַגאַנגען אומצאָליגע פאַרברעכענס.

און דער הייליגער האָט אים געענטפערט:

— איך בין אויך באַגאַנגען פאַרברעכענס אָן אַ צאָל.

דאַן איז דער רויבער אויפגעשטאַנען. ער האָט געקוקט אויף דעם הייליגען און געשטוינט. און

אין זיינע אויגען איז געווען אַזאַ מאָדנער בליק. און ווען ער איז אַוועק פון אונז, איז ער שפּרינגענדיג אַראָפּ דעם באַרג.

איך האָב זיך נאָכדעם געווענדט צום הייליגען און געזאָגט:

— פאַרוואָס האָסטו זיך באַשולדיגט אין פאַרברעכענס, וואָס דו האָסט קיינמאָל ניט באַגאַנגען? זעהסטו דען ניט, אַז דער מאַן איז אַוועק און ער גלויבט ניט מער אין דיין הייליגקייט?

און דער הייליגער האָט געענטפערט:

— יאָ, עס איז אמת, ער גלויבט ניט מער אין מיר. ער איז אָבער אַוועק אַ געטרייסטער.

אין דער רגע האָבען מיר געהערט דעם רויבער זינגען אין דער ווייטען, און דער אָפּקלאַנג פון זיין געזאַנג האָט אָנגעפילט דעם טאָל מיט פרייד.

קלוגע ענטפערס

פון א. מייזעל

דער קאַליף פון באַגדאַד האָט אַמאָל געלאָזט וויסען די איינוואוינער פון זיין שטאָט, אַז קיינער טאָר ניט אַרויס פון זיין הויז נאָך צוועלף אַ זייגער ביינאַכט. ווער עס וועט ניט פאָלגען דעם קאַליפס שטרענגען באַפעל, וועט אָן צערעמאָניעס גלייך אויפ'ן אָרט געטויט ווערען. באַוואָפענטע סאָלדאַטען זיינען גלייך אַרויסגעשיקט געוואָרען אין אַלע ווינקעלעך פון שטאָט.

אין נאַכט האָט אַ קאָמפּאַניע געטראָפען דריי מענשען שפּאַצירענדיג איבער די ליידיגע, שטילע גאַסען שוין לאַנג נאָך דער באַשטימטער שעה.

„שטעהט!" — האָט דער עלטסטער פון דער קאָמפּאַניע אויסגעשריען, פאָכענדיג מיט זיין בלאַנקען שווערד.

די דריי מענשען האָבען זיך אָפּגעשטעלט.

„ווער ביסטו, אומגליקליכער?" — האָט דער עלטסטער הויך אויף אַ קול געזאָגט צום ערשטען פון די דריי. — „ווי אַזוי האָסטו געהאָט די העזה ניט צו פאָלגען אונזער קאַליף? זאָלסט וויסען זיין, אַז דיין משפט איז גלייך אויפ'ן אָרט צו שטאַרבען!"

דער ערשטער פון די דריי האָט אים קאַלטבלוטיג געענטפערט: „דו ווילסט וויסען, ווער איך בין? הער זיך נאָר איין! איך בין דער, פאַר וועמען קעניגען און קאַליפען בייגען איין די קעפּ. איך בין דער, פאַר וועמען זיי זיצען שטיל און ערנסט, האַלטען איין זייער אָטעם און רירען ניט מיט קיין אבר. זייער לעבען געפינט זיך אָפּט אין מיינע הענט און איך קאָן מיט זיי דערמאָלט טאָן וואָס איך וויל."

„דאָס מוז זיין עפּעס זעהר אַ געהויבענער מאַן." — האָט דער עלטערער געקלערט. — „ווען איך וועל אים אָנרירען, וועל איך דאַרפען באַצאָלען מיט מיין קאָפּ דעם קאַליף. איך וועל אים בעסער נעמען און אַוועקפירען אין פּאַלאַץ."

„און ווער ביסטו?" — האָט שוין מיט דרך־ארץ דער עלטסטער געפרעגט דעם צווייטען.

„איך בין דער, צו וועמען קאַליפען און פּרינצען מוזען אַלע מאָל און אין אַלע צייטען אָנקומען. איך וויים, וועלכער קעניג איז העכער און וועלכער איז נידעריגער, ווער פון זיי איז גרעסער און ווער איז קלענער. ווען ניט איך, וואָלטען זיי שטענדיג אין זייערע פּאַלאַצען בלייבען פאַרשפּאַרט און וואָלטען קיינמאָל די ליכטיגע וועלט ניט אָנזעהן."

„אה! דאָס מוז עפּעס אויך זיין אַ גרויסער מאַן און דעם קאַליפס אַ גאַסט." — האָט זיך דער עלטסטער געטרייסעלט. — „איך וועל אים אויך גאָרנישט טאָן."

„און ווער זייט איר, מיין האַר?" — האָט ער שוין מיט גרויס דרך־ארץ געפרעגט דעם לעצטען.

„איך זיץ נידעריגער פון קאַליפען און פּרינצען, אָבער איך פאַל ביי זיך ניט אַראָפּ, און מיין אַמט איז גאָר ניט אַזוי קליין. איך טו זיי גאַנץ אָפּט גרויסע טובות און פאַרהיט זיי פון שטעך און וואונדען. ניט איין פּרינץ וואָלט געהונקען, וואָלט זיך מיט בלוט באַגאָסען, ווען ניט מיין גרויסע און נוצליכע אַרבייט."

„דאָס מוז זיין אַ גרויסער גענעראַל." — האָט דער עלטסטער באַשטימט אויף זיכער און האָט זיי אַלעמען מיט גרויס כבוד אַוועקגעפירט אין פּאַלאַץ.

דאָרט האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז איינער איז געווען אַ שערער, דער צווייטער אַ שניידער און דער דריטער אַ שוסטער.

און פאַר זייערע קלוגע ענטפערס האָט זיי דער קאַליף באַפרייט און געגעבען שיינע מתנות.

אין דער צייט פון פּאַריזער קאָמונע

פון א. ש. זאַקס

אין מאָנאַט מערץ 1871—מיט פופציג יאָר צוריק—האָט זיך דאָס פּאַריזער פאָלק אויפגעהויבן קעגן זיין רעגירונג, וואָס האָט זיך וויניג־וואָס געקימערט פאַר די אָרעמע מענשען.

דאָס פאָלק פון פּאַריז האָט אַרונטערגעוואָרפען די פריערדיגע רעגירונג און האָט איבערגענומען דעם מזל פון דער גרויסער שיינער שטאָט אין זיינע אייגענע הענט.

די רעוואָלוציאָנערען האָבען געהאַט בדעה צו מאַכען פּאַריז פאַר אַ פרייער שטאָט, וואָס זאָל ווערען רעגירט פון פרייע מענשען. מיט אידעאַלען פון פרייהייט, גלייכקייט און ברידערליכקייט. זיי האָבען באַשטימט וואָלען, און עס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען אמת'ע פאָרשטעהער פון פאָלק. די דאָזיגע שלוחים פון פאָלק האָבען איבערגע־נומען די ענינים פון פּאַריז און האָבען רעגירט לויט דעם ווילען און די אינטערעסען פון פאָלק.

די דאָזיגע פּאַריזער פאָלקר־רעגירונג האָט זיך גע־רופען „די פּאַריזער קאָמונע“, און די אַלע, וועלכע האָבען גענומען אַן אָנטייל אין דער קאָמונע, זיינען באַוואוסט אונטער'ן נאָמען: „קאָמונאַרען“.

די קאָמונאַרען זיינען געווען גרויסע העלדען, איבער־געגעבענע פאָלקס־פריינד, וועלכע האָבען זיך מוסר־נפש געווען פאַר די אונטערדריקטע מענשען.

אַ גרויסע און שיינע ראָלע אין דער פּאַריזער קאָמונע האָבען געשפּילט די פרויען און די קינדער פון די אַרבע־טער. זיי האָבען געפילט, אַז אויב די קאָמונע וועט בלייבען, וועלען זיי זיין פריי און וועלען ניט האָבען צו ליידען אַזוי פיל צרות, ווי איצט, ווען זייערע מענער און פאָטערס ווערען פאַר'חושכ'ט און פאַרשוואַרצט פון דער פרי ביז ביינאַכט אין די פאַבריקען און שעפּער.

די פּאַריזער אַרבעטער פרויען און קינדער האָבען דעריבער ניט נאָר ניט געשטערט זייערע מענער און פאָ־טערס אין זייער קאַמף פאַר פרייהייט, נאָר האָבען זיי צוגעגעבען מער מוט און מער באַגייסטערונג.

זיי האָבען געהאָלפען בויען באַריקאַדען און האָבען געטראָגען ציגעל און שטיינער, שטאַרקער צו מאַכען די פעסטונגען פון פּאַריזער אַרבעטער־קלאַס. זיי האָבען אין דעם קאַמף פאַר דער קאָמונע אַרויסגעוויזען אַזוי פיל איבערגעגעבענקייט, דאָס די שיינע היסטאָרישע זייטען, וואו אָט די צייט ווערט באַשריבען, זיינען געוואָרען דורך דעם פיל פאַרביגער. זיי האָבען צוגעגעבען דער קאָמונע פיל שטריכען, פיל ליכטיגע זייטען, און דאָס היסטאָרישע בילד קומט צוליב דעם אַרויס מיט מער פּראַכט און גלאַנץ, בולט'ער, האַרמאָנישער.

אָט ווי אַ קאָמונאַר, אַ דערביינגעוועזענער עדות, שיל־דערט די פּאַריזער פרוי פון דער קאָמונע־צייט: „. . . עס געהט אַ קאָמאַנדיר אין צעריסענע, אָפּגעטראָגענע, פאַר־שטויבטע קליידער מיט אָפּגעבליאַקעוועטע גאַלונען. נאָך אים מאַרשירען מענשען פון יונגען דור מיט געדיכטע האָר, און עלטערע מיט גרויע קעפּ — דאָס זיינען געווען אַלטע קעמפער — די קינדער פון דער אידעע. ניט זעלטען האָט אַ זון מאַרשירט צוזאַמען מיט'ן פאָטער.“

די פרוי באַגריסט און באַגלייט די סאָלדאַטען. דאָס איז געווען די אויסגעהאָרעוועטע, אָפּגעשוואַכטע, האַלב־הונגעריגע, ערליכע אַרבעטער־טאָכטער פון פּאַריז. אַ שותף צו דער אַרבעט, האָט אָט די אָפּערווילינגע, טיף־ליידענדע פרוי אויך געוואָלט זיין אַ שותף צום טויט.

די פּאַריזער אַרבעטער־פרויען פון דער קאָמונע־צייט האָבען געלעבט פאַר דער אידעע און האָבען אויך גע־וואָלט שטאַרבען פאַר איר.

די פּאַריזער אַרבעטער־פרוי האָט ניט אָפּגעהאַלטען איר מאַן פון צו געהן אין מלחמה קעגן זיינע אונטער־דריקער. פאַרקערט, זי האָט אים אין זיין מלחמה אַ סך אויסגעהאָלפען. זי פלעגט איר מאַן ברענגען אין די טרענ־טשעס זופּ, וועש, אַזוי ווי דער מאַן איז געווען ביי דער אַרבעט. אַ סך פרויען האָבען ניט געוואָלט פאַרלאָזען די טרענטשעס און האָבען מיט וואָפען אין די הענט גע־קעמפט זייט ביי זייט מיט זייערע מענער. דעם דריטען אַפּריל איז אַ פּאַריזער פרוי געשטאַנען אויפ'ן שלאַכטפעלד אונטער אַ האָגעל פון קוילען און האָט איינע אַליין, אָן דאָקטוירים, געהאָלפען אַ גאַנצען טאָג די געפאַלענע קאָ־מונאַרען.

— אָט געהט אַ פרוי — דערציילט איינער — נאָך



ווי לאנג לעבען פארשידענע באשעפענישען ?

די ידיעות, וואס ווערען געוויינטליך געבראכט וועגען דעם, ווי לאנג עס לעבען פארשידענע בעלי־חיים, זיינען אפט סותר איינע די אנדערע און זיינען ניט גענוג באנרינדעט. א באקאנטער דייטשער זאאלאג האט דא ניט לאנג פארעפענטליכט קאנטראלירטע ידיעות וועגען דער לענג פון לעבען ביי פארשידענע בעלי־חיים.

א העלפאנד — — — — — —	150—200 יאר
א פערד — — — — — — —	40—50 "
א שעפס — — — — — — —	10—15 "
א ציג — — — — — — — —	12—15 "
א קעמעל — — — — — — —	40—50 "
א אינד — — — — —	90 "
א צפונ'דיגער הירש — — —	16 "
א היפאפאטאם — — — —	40 "
א נאזהארן — — — — — —	40—45 "
א גייער — — — — — — — —	איבער 100 יאר
א סאווע (אול) — — — —	100 "
א ראב — — — — — — — —	100 "
א פאפוגייו — — — — —	100 "
א שוואן — — — — — — —	100 "
א גריל — — — — — — —	100 "
א קיניגל (ראביט) — — —	10 "
א הונט — — — — — — — —	10—12 "
א וואלף — — — — — — —	12—15 "
א פוקס — — — — — — —	10 "
א קאץ — — — — — — — —	10 "
א לייב — — — — — — — —	20—25 "
א טיגער — — — — — — —	20 "
א בער — — — — — — — —	40—50 "
א וועווערקע — — — — —	10—12 "
א האז — — — — — — — —	7—8 "

דעם ארון, וואו עס ליגט דער טויטער קערפער פון איר מאן, וועלכער איז געפאלען א קרבן פאר דער הייליגער זאך. אימעצער פון די מיטגלידער פון דער קאמונע געהט אויך הינטער'ן ארון. דער קאמונאר מאכט א הספד אויפ'ן בית־עולם אויף דעם געפאלענעם מאן און פאטער. אין דעם הספד הערען זיך טענער פון האפענונג און נקמה. די אלמנה דריקט צו צום הארצען אירע קינדער און זאגט זיי: „געדענקט, קינדערלעך, און שרייט אויס צוזאמען מיט מיר: „לעבען זאל די רעפובליק! לעבען זאל די קאמונע!"

ניט קיין קלענערע העלדישקייט האבען ארויסגעוויזען די קינדער. פיל קינדער זיינען געפאלען אויף די גאסען פון דעם שונא'ס קוילען. די אטמאספערע איז געווען אזוי פול מיט באגייסטערונג און אפערווילינקייט, אז די קינדער האבען זיך געריסען צו געהן אויפ'ן פראנט און קעמפען זייט ביי זייט מיט זייערע מוטערס און פאטערס.

די קינדער פלעגען ארויסווייזען גרויסע גבורות אין די פעסטונגען, ביי די הארמאטען און אויף די באריקאדען. א רעגימענט פון שונא האט אמאל געכאפט א צוועלף־יעריגען אינגעל, וועלכער איז געשטאנען אין רעכטען פייער צוזאמען מיט די עלטערע קאמונארען. די סאלדאטען האבען אים גלייך געוואלט טויטען. דער אינגעל בעט זיך ביי זיינע תליונים . . . אבער ניט, זיי זאלען אויף אים רחמנות האבען און אים לאזען לעבען. ניין! דאס האט ניט געפאסט פאר א קאמונאר. ער האט געבעטען, מען זאל אים פריער לאזען אפגעבען זיין מוטער זיין זילבערנעם זייגער, זי זאל האבען פאר אן אנדענקען.

פאר דער קאמונע האבען זיך מקריב געווען ניט איינציגע מענשען, ניט בלויז מענער, ניט בלויז פרויען און ניט בלויז קינדער; נאר גאנצע פאמיליעס זיינען מיט שמחה געגאנגען אין מלחמה־פייער, כדי צו ראטעווען די פרייהייט פון פאריזער ארבעטער־פאלק.

א העכט — — — — — — —	איבער 100 יאָר
א קאַרפּ — — — — — — —	" 100 "
א לאַקס — — — — — — —	" 100 "
א זשאַבע — — — — —	40 "
א שטוביגע גאַנז — — — —	80 "
א בושעל — — — — — — —	70 "
א טויב — — — — — —	40—50 "
א קוקוק — — — — — —	40 "
א שטוביגע הון — — — —	15—20 "

מיט א באַזונדער לאַנג לעבען צייכענען זיך אויס אייניגע מינים שילדקרעטען (טוירטל). אַזוי, למשל, איז די ריזעדיגע שילדקרעט, וואָס מ'האָט אין יאָר 1737 געבראַכט קיין אייראָפּע פון דעם אינזעל עגמאָנט אין אינדישען אָקעאַן, ניט יונגער פון 300 יאָר.

(איבערגעדרוקט פון „חבר", נומ. 1, וואָס געהט ארויס אין ווילנע).

וויפיל מייז זיינען דאָ אין אמעריקע?

קינדער, האָט איר זיך אַמאָל די מי געגעבען אויסצורעכענען וויפיל מייז מיר פאַרמאָגען אין די פאַראייניגטע שטאַטען?

אָט הערט וואָס דער אגריקולטור־דעפּאַרטמענט פון אונזער רעגירונג האָט וועגען דעם צו זאָגען:

מיר פאַרמאָגען ארום 100.000,000 מייז, ד. ה. א מויז אויף יעדען איינוואוינער. דאָס דאָזיגע מייזען־פאָלק עסט אויף אין משך פון יאָר פאַר $200,000,000 סחורה. צוויי הונדערט טויזענט מענשען דאַרפען גאַנץ שווער אַרבעטען, כדי אונזערע מייזישע „איינוואוינער" זאָלען ניט שטאַרבען פון הונגער.

אָבער א חוץ דעם שאָדען, פאַרשפּרייטען די מייז אַלערליי קראַנקהייטען און מגפות. אין אינדיען, למשל, זיינען אין 1896 געשטאָרבען 9,000,000 מענשען פון דער בובאָנישער מגפה, וואָס די מייז פאַרשפּרייטען.

דער אגריקולטור־דעפּאַרטמענט בעט יעדען איינעם העלפען באַפרייען זיך פון אָט דער חברה דורך פאַסטקעס, סם און אַנדערע מיטלען.

וואָס קינדער דאַרפען געדענקען, כדי צו פאַרהיטען זייער געזונט

1. מען דאַרף נישט געברויכען אַן אַלגעמיין גלאָז צו טרינקען וואַסער, אָדער אַן אַלגעמיינעם האַנטוך. מען דאַרף טרינקען בלויז ריין, פריש וואַסער.

2. קינדער דאַרפען זיך באָדען מעגליכסט יעדען טאָג, און דערביי געברויכען גענוג זייף. זיי דאַרפען אויך ריייניגען זייערע ציין אין דער פרי און אין אָוונט.

3. קינדער מוזען זיין שטאַרק אָפּגעהיט מיט זייערע הענט. מען טאָר נישט לייגען אין מויל קיין פינגער, בלייפעדערס, געלט אָדער פּאַפּיר. איין קינד טאָר נישט בייסען פון אַן אַנדער קינדס עפּעל; מען דאַרף זיך נישט בייטען מיט קיינעם מיט דעם עסען, ווייל דורך דעם קאָן מען זיך גרינג אָננעמען מיט א קראַנקהייט.

4. מען טאָר נישט טרינקען אָדער עסען, ווען מען פילט זיך צעהיצט. מען דאַרף פריער זיך אָפּרוען א ווײַלע און דאַן קאָן מען עסען אָדער טרינקען, נישט איילענדיג זיך.

5. די קינדער דאַרפען צעטיילען זייער אַרבעט פון טאָג אַזוי, אַז זיי זאָלען קאָנען געהן שלאָפען פרי און אויסשלאָפען זיך גענוג. די פענסטער פון שלאָף־צימער דאַרפען זיין אָפען.

6. מען טאָר ניט שפּייען אויף דעם דיל (פּלאָר) אָדער אויף דער גאַס. באַנוצט א טיכעל אָדער א שפּייקעסטעל.

7. מען דאַרף שטעהן און זיצען גלייך, און אָטעמען דורך דער נאָז, כדי צו אַנטוויקלען די ברוסט.

נייעס

זי רעדט 12 טעג נאָכאנאנד

זעהר א מאָדנע פּאַסירונג איז לעצטען מאָנאַט פאָרגעקומען אין א קליין שטעטעל אין אילינאָיז. שבת, דעם 5־טען פעברואר, אין אָווענט, איז מר. רובין פון שטעטעל וואָקינג אריינגעקומען אין שלאָף־צימער א קוק טאָן, צי זיין קליין מיידעלע מרים שלאָפט שוין. אָבער ווי איבערראשט איז ער געוואָרען, ווען ער האָט זי געטראָפען רעדענדיג צו זיך, ליגענדיג אין בעט. ער פרעגט מרים'ען, וואָס איר טוט וויי, אָבער זי האַלט אין איין רעדען וועגען פּאָבליק־סקול, וועגען קינדער, שפּיל־זאַכען, און וועגען איר לערערקע. קיין זאַך האָט זי ניט באַרוהיגט, אפילו ניט די דאָקטוירים, וואָס דער פאָטער האָט גערופען. טאָג נאָך טאָג איז אריבער, און מרים האָט געהאַלטען אין איין רעדען, און קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען דאָס האָט זיך גענומען און מיט וואָס דאָס אויסצוהיילען. די נייס איז פאַרשפּרייט געוואָרען איבער'ן גאַנצען לאַנד, און גרויסע דאָקטוירים האָבען געגעבען עצות — אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען — מרים שלאָפט ניט, נאָר רעדט.

אזוי האָט זי גערעדט 12 טעג נאָכאנאנד און געשלאָפען בלויז עטליכע שעה.

קיינער ווייס נאָך אַלץ ניט פון וואנען די „רעדעוורדינע“ קראַנקהייט האָט זיך צו איר גענומען.

א קינדער־טעאַטער אין נו־יאָרק

מיט א יאָר צוריק איז פון א קינדער־קלוב אָרגאַניזירט געוואָרען א קינדער־טעאַטער אין „גרינוויטש־האוז“, נו־יאָרק. צוערשט האָבען די קינדער געשפּילט פאַר זיך, אָבער לעצטענס האָבען זיי גענומען שפּילען אויך פאַר אַנדערע. אין די פאָרשטעלונגען נעמען אָנטייל קינדער פון פיר יאָר און עלטער.

די קינדער קלייבען אַליין אויס די מעשות, וואָס זיי ווילען פאָרשטעלען, באַשטימען אַליין די ראָלען און פּאַסען אַליין צו די קאָסטיומען. זיי פאַרלאָזען זיך ניט אויף די עלטערע אָנפירער. אפילו די עלעקטרישע באַלייכטונג און די בינע־אויסשטאַטונג ווערט פון זיי אַליין באַזאָרגט.

די מערסטע זאַכען שטעלען זיי פאַר פאַנטאַמיניש. דאָס בילד אויבען שטעלט פאַר א סצענע פון „טאָמי טאָקער“, און פון דעם קאָנט איר זעהן ווי שיין, רייך און געשמאַקפול זיי פירען דורך די פאָרשטעלונגען.

קינדער קאָנען א סך אויפטאָן, ווען זיי ווילען נאָר!

זיי שלאָפֿען אין ביבליאָטעקען

טויזענטער ארבעטסלאָזע אין ענגלאנד האָבען לעצטענס אָפּגעטאָן א שיין שטיקעל ארבעט. ניט האָ־בענדיג וואו צו וואוינען, האָבען די ארבעטסלאָזע פון שטעטעל טאטענהעם פארכאַפּט די שטאָט־ביבליאָטעק, די שטאָט־בעדער און דאָס ראָט־הויז, און זיך דאָרטען באַ־זעצט. די פּאָליציי פון שטאָט האָט מורא געהאַט צו שטערן, אַפילו ווען די ארבעטער האָבען אויפגעהאַנגען א רויטע פאָן איבער'ן ראָט־הויז.

אין די דאָזיגע געביידעס האָבען די ארבעטער גע־עפֿענט אייגענע ווערקשאַטען, קיכען א. אז. וו., בלויז פאר'ן אייגענעם געברויך.

אַזאַ מין פארכאַפּונג פון די שטאָט־געביידעס איז פאָרגעקומען אין 10 ענגלישע שטעט. ביז'ן היינטיגען טאָג וואוינען די ארבעטער דאָרט.

דער אמת קומט ארויס ווי בוימעל אויפ'ן וואסער

מיט דריי יאָר צוריק איז אין סאַן־פראַנציסקאָ פאָר־געקומען א גרויסער פאראַד. און בשעת דער עולם האָט פאַראַדירט, האָט עמיצער געוואָרפען א באָמבע, און עט־ליכע מענשען זיינען גע'הרג'עט געוואָרן.

אין דער זעלבער שטאָט האָט זיך געפונען אן אר־בעטער־פירער מיט'ן נאָמען מוני. די גרויסע פאבריקאַנ־טען פון דער שטאָט האָבען זעהר שטארק געוואָלט פטור ווערען פון אים, ווייל ער פלעגט העלפען די ארבעטער זיך אָרגאַניזירען און פלעגט אָנפירען סטרייקס. און זיי, די פאבריקאַנטען, האָבען באשולדיגט מוני'ן, אז ער איז דער באָמבע־וואַרפער.

מ'האָט מוני'ן געבראַכט אין געריכט, און נאָך א לאַנגען משפט האָט דאָס געריכט אים פאר'משפט צום טויט.

שוין צוויי יאָר ווי מוני זיצט אין געפענגעניש. און איצט פלוצלונג קומט איין עדות, און איז זיך מודה, אז ער האָט פאַלש עדות־געזאָגט, ווייל מ'האָט אים אזוי געהייסען. דער הויפּט־אָנקלעגער פאַרלאַנגט א נייעם משפט, און דער אמת מוז זיגען.



געערטער רעדאַקטאָר פון „קינדערלאַנד“!

איך שיק אייך דאָ צו א באריכט פון אונזער קלוב. דרוקט אים אין „קינדערלאַנד“! מיר האָבען שוין אמאָל געהאַט א קינדער־קלוב. ער האָט זיך אָבער נישט־לאַנג געהאַלטען, ווייל די קינדער זיינען ניט געקומען צו די פאַרזאַמלונגען.

איצט האָבען מיר ווידער געגרינדעט א קלוב. אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג האָט מען ערוויילט הערש גלאַסמאַן פאר פאַרזיצער, משה סילווער פאר סעקרעטאַר און חיה'לע מאַגעל פאר קאַסירערין. מיט דער הילף פון אונזער לערער דוד ראָסי וועלען מיר מאַכען דעם קלוב פאר א שטאַרקען. מיר האָבען א ברייטע פּראָגראַם: צו־זאַמען לייענען, דעקלאַמירען, מאַכען גימנאַסטיק. ביז אהער האָבען מיר שוין אדורכגעפירט א שיין ביסעל אר־בעט. מיר האָבען צוזאַמען מיט אונזער לערער באַזוכט דעם היגען מוזייאום, דעם גרויסען קינדער־קאָנצערט, געלייענט צוזאַמען, געהאַט גימנאַסטישע איבונגען. דעם 13־טען פעברואַר האָבען מיר דאָ איינגעאָרדענט א קינ־דער־יום־טוב צום ערשיינען פון „קינדערלאַנד“. די קינ־דער זיינען געווען גליקליך; אַלץ איז געווען אזוי שיין, סיי די דעקלאַמאַציעס, סיי די טענץ; אָבער אמשענסטען איז געווען דאָס לעבעדיגע בילד: אין „קינדערלאַנד“. דאָס האָט אונז געהאָלפען זאַמלען סובסקרייבער פאר'ן „קינדערלאַנד“. מיר האָבען די ערשטע אדורכגעפירט די זאַמלונג פאר די קינדער אין פוילען. יעצט זאַמלען מיר פּענסילס פאר די קינדער אין רוסלאַנד. א באַזונדער קאָ־מיטע זאַמעלט סובסקרייבער פאר'ן „קינדערלאַנד“. די ארבייט געהט גוט. אַלץ, וואָס עס וועט זיין ווייטער, וועלען מיר שרייבען אין צווייטען באריכט.

משה סילווער, סעק. פון אַטלאַנטער קינדער־קלוב.

אויפ'ן גליטש

1.

קינדער גוטע, קומט מיט מיר
אויף מיין גרויסען שליטען!
בארג ארויף און בארג אראפ,
קינדער, קומט זיך גליטשען!

2.

טוט זיך, קינדער, ווארים אן,
איר דארפט זיך ניט שעמען;
אויף מיין שליטען קומט ארויף,
כ'וועל אייך אלע נעמען.

3.

קינדער גוטע, קומט מיט מיר
אויף מיין גרויסען שליטען!
בארג ארויף און בארג אראפ,
קינדער, קומט זיך גליטשען!

שלמה גימפלין,
קלאס 4, קליוולענדער ארב.־רינג, פאלקס־שולע,
11 יאר אלט.

ביי אונז אין שטוב

טרעפט, קינדער, וועלכער איז דער פארנומענסטער טאג אין וואך? פרייטאג. דעם דאזיגען טאג דארף מען קאכען, באקען, רייניגען, און אין הויז קאן מען דעם גאנצען טאג הערען געשרייען און געוואלדען. בכלל, פרייטאג איז אין הויז זעהר א גרויסער טומעל.

אזוי ווי דער זייגער קלאפט נאר האלב נאך פיר, כאפט זיך שוין דער זיידע אברהם ארויס פון בעט. ער וואשט זיך, כאפט שנעל ארויף די קליידער, מאכט א גלעזעל טיי, בייט איבער די יארמעלקע און הייבט אן דאווענען קרעכצענדיגערהייט. דער זיידע אברהם איז א פרומער איד מיט א לאנגער גרויער בארד; און שטענדיג געהט ער איינגעבויגען.

אזוי שנעל ווי דער זיידע הייבט אן דאווענען, הערט זיך שוין מיין מאמעס קול, ציפע הייסט זי: „כי, דו האסט זיך שוין צעמורמעלט דארטען”, — זאגט זי צו מיין זיידען. — "באלד וועסטו מיך רופען געהן אין קראם; דערווייל לאזסטו מיך גארניט שלאפען. אך, א רגע קאן מען דא אפילו ניט שלאפען אומגעשטערטערהייט,” רעדט זי ווייטער.

אז דער זיידע געהט שוין אוועק אין שול און די מאמע אין קראם, שטעהט שוין אויף די באבע רייכעל. זי וואשט זיך, כאפט זיך אריין אין די קליידער, טוט אן איר הייבעל, און געהט שוין טאן איר ארבעט. אויפ'ן עסען פארגעסט זי זיך גאר. אזוי צעטומעלט איז זי. „אוי, איך האב היינט אזוי פיל ארבעט צו טאן; וואס טוט מען פריער? דער טאג איז דאך א מינוט, מען קאן זיך אפילו ניט אויספארען”, זיינען אירע ערשטע ווערטער.

ניין א זייגער קומט ארויף די טאנטע גענעסי און העלפט דער באבען. מיר וואוינען אויפ'ן צווייטען שטאק און די טאנטע גענעסי—אויפ'ן ערשטען. די טאנטע גענעסי איז א שיינע און האט אויך א שארף צינגעל. אבער איך קאן מיט איר קיינמאל ניט דורכקומען. מען רופט זי „די גרויסע גענעסי” און מיך „די קליינע גענעסי”, אבער גאר אין גיכען וועט מען אונז ביידען דארפען רופען „גרויסע גענעסים”, ווייל איך בין כמעט שוין אזוי גרויס ווי מיין טאנטע. אלזא, ביידע גענעסים קאנען ניט דורכקומען.

דער אויווען הייצט זיך, און אין הויז איז אזוי

הײם, װי אין אַ באָד. די באָבע באַקט טאָרט, קיכעלעך, פּאַלניצעס און חלות פֿון דעם טײג, װאָס זי האָט נעכטען פֿאַרנאַכט פֿאַרראַשטשינעט.

בשעת די באָבע רײכעל און די טאַנטע גענעסי פּאָרען זיך אין קיך, רײניגט די טאַנטע חנה די אײבעריגע צימערן. די טאַנטע חנה איז ניט קײן הױכע, אױך ניט קײן מיאוס'ע.

די קאָמאַנדע, װאָס באַשטעהט פֿון מײנע צװײ ברידער, שמעון און דוד, שטעהען אױף האַלב נאָך זעקס אין דער פֿרי. שמעון איז דער עלטערער. ער איז צװעלף יאָר אַלט, אָבער זעהען זעהט ער אױס װי פֿון נײן יאָר. דערפֿאַר װאָס ער איז אַ קלײנינקער, איז ער טאַקע אַ שטיפֿער אַ גרױסער. אין דער פֿרי װען איך שלאָף נאָך, רײצט ער זיך שױן מיט אַלעמען. װען מײן ברודער שמעון פֿאַרקױפֿט עפּעס אין אונזער קראָם, אָדער װען ער האַנדעלט מיט זײנע חברים, קאָן ער זײ אַזױ פֿאַרדרײען די קעפּ, אַז ער האָט שױן פֿאַר אַלעמען געװאונען דעם נאָמען „דער קלײנער ביזנעסמאַן".

דוד איז מײן אינגערער ברודער. ער איז ערשט געװאָרען צען יאָר, אָבער זעהען זעהט ער אױס װי פֿון אַכט יאָר. אײן מעלה האָט ער: אַזױ שנעל װי ער טוט זיך אָן אין דער פֿרי, הײבט ער באַלד אָן מאָלען, אָדער גאָר זיך שפּילען אין „מאַרבעלס" מיט אונזער הינטעל טעדי.

טעדי איז אַ ראָבע הינטעל, פֿון כמעט צװײ יאָר. ער איז זעהר אַ קלוגער. אַלץ, װאָס מען רעדט צו אים, פֿאַרשטעהט ער. מײן ברודער שמעון נעהט אַרום אין קיך מיט אַ שטיקעל צוקער אין דער האַנט און טעדי געהט אים נאָך, אױף צװײ פֿיס, װי אַ מענש. מײן ברודער גיט אַ װאָרף דעם שטיקעל צוקער אין דער לופֿטען, און טעדי גיט אַ שפּרונג אַרױף אױף די הינטערשטע פֿיסלעך, כאַפּט דאָס שטיקעל צוקער אין מױל, צעכראָמטשקעט אים און קוקט מײן ברודער אין די אױגען, אַזױ װי ער װאָלט געבעטען נאָך. אָט דעם קונץ האָט טעדי גע'ירשנ'ט פֿון זײן שטיף־מוטער עליה־שלום, װעלכע האָט געהײסען פּרינצעסין. טעדי איז אַ גוטער היטער. װען אַ פֿרעמדער קומט צו אונז אין הױז, האַװקעט טעדי זעהר שטאַרק; ער כאַפּט באַלד דעם פֿרעמדען און גיט אים אַ ביס אין פֿוס. עס מאַכט ניט, צי דער פֿרעמדער איז אַ פֿרױ, צי אַ מאַן, װײל טעדי איז אַ סאָציאַליסט: בײ אים זײנען אַלע גלײך. אין דער פֿרי, װען איך שטעה אױף, געפֿין איך, אַז טעדי שטעהט אין מײן בעט און לעקט מיר דעם פּנים. ער פֿאַרשפּאָרט מיר כמעט אַן אַרבעט.

פֿינף אַ זײגער נאָכמיטאָג איז שױן אַלץ פֿאַרטיג פֿאַר שבת. אַלצדינג איז אָפּגעקאָכט און אָפּגעבאַקען. אין שטוב איז שױן רײן און שטיל. די באָבע רײכעל און מײן מאַמע האָבען שױן די ליכט אָפּגעבענשט. דער זײדע קומט אַהײם פֿון שול און מאַכט קידוש. די קאָמאַנדע שטעהט לעבען זײדען און װאַרט ביז ער װעט אָפּזאָגען, װאָס מען דאַרף. דאַן נעמט דער זײדע און גיסט אָן װײן אין די קלײנע בעכערלעך, װאָס מײנע ברידער האַלטען אין די הענט. אַלע זעצען זיך אַרום גרױסען טיש, װעלכער איז באַדעקט מיט אַ שנײ־װײסען טישטוך. אױפ'ן טיש שטעהען פֿינף לײכטער מיט אָנגעצונדענע ליכט; דרײ, װעלכע די באָבע רײכעל האָט געבענשט, און צװײ, װאָס די מאַמע האָט געבענשט. עס ליגען אױפ'ן טיש אױך צװײ גרױסע קױלעטשען, אױף װעלכע דער זײדע האָט ערשט געמאַכט אַ המוציא. די באָבע דערלאַנגט אײן שבת'דיגען מאכל נאָך דעם אַנדערען. פֿריהער די פֿיש, דערנאָך די פֿלײש, דאַן די מאַכל'דיגע יױך מיט קנײדלעך אָדער מיט לאָקשען, און צולעצט דעם קאָמפּאָט. טעדי איז הײנט אױך פֿרײליך. ער ליגט ניט װײט פֿון אױװען און קנאַקט זיך אַזױ געשמאַק אַ בײנדעלע, אַז איך מוז צוגעהן צו אים און אים אַ קװעטש טאָן דאָס נעזעלע זײנס.

נאָכדעם װי אַלע עסען אָפּ, דערצײלט די באָבע רײכעל אונז אַ מעשה. אַלע זעצען זיך אין אַ קרײז אַרום איר און הערען זיך צו. װען די באָבע ענדיגט, דערמאָנט מען זיך פֿון מעשות פֿון דער אַלטער הײם, און מען פֿאַרברענגט אַזױ ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַפֿילו טעדי זיצט און הערט זיך צו, װי אַ בר־דעת. דאַן געהען אַלע שלאָפֿען און עס חלומ'ען זיך אַלעמען זיסע חלומות.

גענעסי עפּשטײן,
תלמידה פֿון דער דאָגלאַס־פּאַרק א.־ר. שולע,
שיקאַגאָ, איל.

אונזער לעזערין ברײנע ראָזענפעלד פון שיקאַגאָ פרעגט:

וואָס מיינט דאָס „אַקראָסטיך“ און וואָס „שאַראַדע“?

ענטפער: 1) אַקראָסטיך איז אַ רעטעניש, וואָס באַשטעהט אין דעם, אַז מען זאָל אָפּזוכען די ווערטער, וואָס זייערע ערשטע אותיות קאָנען אויסבילדען אַ וואָרט; ווי למשל די ערשטע אותיות פון: משה, אהרן, רוסלאַנד, קאָלאָמבוס און סאָקראַטעס בילדען דאָס וואָרט „מארקס“ (זעה אַקראָסטיך נומ. 1 אין נומ. 1 „קינדערלאַנד“).

2) שאַראַדע איז אַ רעטעניש, וואָס באַשטעהט אין דעם, אַז מען גיט די באַדייטונגען פון יעדער זילב אָדער אַנדערע טיילען פון אַ וואָרט (געוויינטליך ניט דירעקט, נאָר בלויז דורך מער אָדער ווייניגער נאָהענטע אָנווייזונגען) און מען באַדאַרף אויסגעפינען דאָס גאַנצע וואָרט. אַזוי צום ביישפּיל די שאַראַדע נומ. 1 אין „קינדערלאַנד נומ. 1. די ערשטע זילב איז אַן אַרטיקעל — „דער“, די צווייטע זילב אין אַן אויסרוף — „באַ!“ און די דריטע דערצייל מענשענס שבחים — ריטען. דאָס גאַנצע וואָרט איז אַלזאָ דערבאַרימען.

יעקב הוטנער פון דאַון־טאַונער שול, נ. י. פרעגט אונז:

1) ווען איז ווילהעלם דער צווייטער, האָהענצאָלערן, אַרויף אויפ'ן טראָן?

ענטפער: ווילהעלם דער צווייטער, האָהענצאָלערן, איז אַרויף אויפ'ן דייטשען טראָן דעם 15־טען יוני 1888. אָבער איך וואָלט געראַטען מיין טייערען פריינד, ד'עם פראַגע־שטעלער, און אויך אַלע אַנדערע קינדער, זיך מער צו אינטערעסירען מיט דעם, ווען דער זעלבער ווילהעלם און אַנדערע קעניגען זיינען אַראָפּ פון טראָן. ווייל דאָס, וואָס עס זיינען נאָך פאַראַן קעניגען און דערפאַר אויך פאַרשידענע פירשטען, מאַרקיזען, גראַפען, לאָרדען און אַנדערע אַזעלכע מיוחסים, וועלכע רעכענען, אַז זיי שטעהען העכער פאַר אַנדערע מענשען, איז אַ באַליידיגונג פאַר יעדען פרייען מענשען! מענשען זיינען גלייך! און דאָס, וואָס עס זיינען פאַראַן קעניגען, לייקענט אָפּ די גלייכהייט פון מענשען. ווילהעלם דער צווייטער, האָהענצאָלערן, איז אַראָפּ פון טראָן דעם 9־טען נאָוועמבער 1918.

2) ווי קאָן מען אויסמעסטען די שנעלקייט פון ליכט?

ענטפער: דערקלערען דאָס אין אַ קורצען ענטפער דאָ אין „קינדערלאַנד“ איז זעהר שווער. מען דאַרף בעסער לערנען פיזיק, כדי דאָס גוט צו פאַרשטעהן. דאָך וועלען מיר דאָ פּרואווען ענטפערן אויף דיין פראַגע.

דו ווייסט, אַז אויסער דער ערד דרייען זיך אַרום דער זון נאָך אַנדערע פּלאַנעטען און צווישען זיי אויך דער יופּיטער. דער יופּיטער האָט פיר לבנות, וועלכע דרייען זיך אַרום אים, ווי אונזער לבנה אַרום דער ערד. יעדע פון זיינע לבנות דרייט זיך אַרום אַרום אים אַלעמאָל אין דער זעלבער צייט. די נעהענטסטע לבנה זיינע דרייט זיך אַרום אַרום אים אין 42 שעה, 28 מינוט און 36 סעקונדען. ווען אָט די לבנה איז אויף דער זייט

פונ׳ם יופיטער, וואָס איז געווענדט צו דער ערד, קאָן מען זי זעהן דורך אַ טעלעסקאָפּ. ווען זי דרייט זיך אַריבער אויף דער צווייטער זייט פונ׳ם יופיטער, הערט מען זי אויף צו זעהן, זי פאַרגעהט. דאַרפען וואָלט געדאַרפט זיין, אַז דער משך פון צייט זינט די לבנה פאַרגעהט



פיגור 1



פיגור 2

איינמאָל ביז זי פאַרגעהט אַ צווייט מאָל, זאָל זיין אַלעמאָל דערזעלבער. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דאָס איז ניט אַזוי. ווען די ערד שטעהט מיט׳ן יופיטער אויף איין און דערזעלבער זייט פון דער זון (זעה פיגור 1), איז אָט דער משך פון צייט מיט אַ 1000 סעקונדען (ריכטיגען—16 מינוט 36 סעקונדען) קלענער, איידער ווען די ערד און דער יופיטער שטעהען אויף באַזונדערע זייטען פון דער זון (זעה פיג. 2). דערפון איז געדרונגען, אַז די שטראַלען, וואָס קומען אין אונזער אויג פון יופיטערס לבנה, נעמט 1000 איבעריגע סעקונדען, כדי דורכצונעהן די שטרעקע „א ב“ (זעה פיג. 2), וואָס איז צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי די ווייטקייט פון דער ערד ביז דער זון. אַזוי ווי די ערד איז ווייט פון דער זון אַן ערך 150 מיליאָן קילאָמעטער (96 מיליאָן מייל), מיינט דאָס, אַז דער שטראַל פון דער יופיטער־לבנה געהט דורך אין 1000 סעקונדען 300 מיליאָן קילאָמעטער (אָדער 192 מיליאָן מייל). און אין איין סעקונדע געהט דער שטראַל דורך 300,000,000 געטיילט אויף 1000, אָדער 300,000 מיליאָן קילאָמעטער (אָדער 192 טויזענט מייל).

געערטער רעדאַקטער!

איך וואָלט געוואָלט וויסען, צי עס איז מעגליך, אַז מיר זאָלען איינפירען אין דעם „קינדערלאַנד“ שריפטליכע דעבאַטעס. דאָס הייסט, אַז אַ קינד זאָל אַריינשרייבען אין דעם „קינדערלאַנד“ זיין אָדער איר מיינונג וועגען אַ געוויסער טעמע און אין דעם נעקסטען נומער זאָל אַן אַנדער קינד ענטפערן.

איך דענק, אַז אַזאַ זאַך וואָלט אונז אפשר געהאָלפען אַריינטראַכטען זיך אין מער זאַכען און זיי בעסער פאַרשטעהן.

איך וואָלט געוואָלט וויסען אייער מיינונג וועגען דעם פּלאַן.

כאַסיע קופּערמאַן (דאון־טאונער ארב. רינג שול).

ע נ ט פ ע ר: איך דענק, אַז דיין פּלאַן — קינדער זאָלען פירען דעבאַטען דורכ׳ן „קינדערלאַנד“ — איז זעהר אַ גוטער. אָבער די דעבאַטען דאַרפען געפירט ווערען ניט דורך גרויסע אַרטיקלען אָדער אָפּהאַנדלונגען (ווייל פאַר דעם איז ניט פאַראַן גענוג פּלאַץ אין זשורנאַל). זיי דאַרפען געפירט ווערען דורך ט ע ז י ס ע ן, ד. ה. דורך זעהר קורץ אַרויסגעזאָגטע מיינונגען, וועלכע זאָלען זיין באַגרינדעט מיט קורצע אַרגומענטען. אויב דו ווילסט, קענסטו אָנהייבען אַזאַ דעבאַטע.



פראַגען:

5) וועלכע אויגען טוען אָם מערסטען וויי?

6) ווער גיט מער מילך, ווי אַ קו?

7) וואָס מוז פריער ברענען, כדי ניט צו לאָזען אַ צווייטענס סוד צו דערקענען?

דריי מיך אום נומ. 2

1) דריי מיך אום, ווען דו עסט מיט מיר, און דו באַקומסט מיך צוריק; 2) דריי אונז אום, ווען דו פאַרסט אויף אונז, און דו באַקומסט אונז צוריק; 3) דריי אונז אום, ווען דו רופסט איינעם מיט אונז, און דו באַקומסט אונז צוריק.

אַקראָסטיק נומ. 2

דו געפינסט מיך ווען דו נעמסט די ערשטע אותיות פון די פאָלגענדע פיר: 1) איינער, פאַר וועמען לייבען האָבען זיך דערשראָקען. 2) איינער, וואָס האָט געהאָלפען אַ מאַן, וואָס האָט באַהערשט אַ לייב. 3) איינער, וואָס האָט ניט מורא געהאַט פאַר אַ לייב און געריטען אויף אים. 4) איינער, וואָס האָט אַפילו פאַר'ן טויט ניט מורא געהאַט און איז פון טויט ניט אַנטלאָפען.

אויב דו קענסט מיך ניט געפינען, זוך מיך אין טורמע.

ע נ ט פ ע ר ס

צו די פראַגען פון לעצטען נומער.

ענטפער אויף פראַגע נומער 2:

אויף בילדער, אויף לאַנדקאַרטעס

עס האָבען געטראָפען: מאַקס כהן, 1 (האַרלעם, נ. י.). מלכה האַלפערן (דאַון־טאַון, נ. י.). אסתר אשכנזי (דאַון־טאַון, נ. י.).

ענטפער אויף פראַגע נומער 3:

ווייל די האָר זיינען אַ סך עלטער

געטראָפען: מאַקס כהן, 1 (האַרלעם, נ. י.).

ענטפער אויף פראַגע נומער 4:

צוויי זייטען: די אינווייניגסטע און די אויסווייניגסטע

געטראָפען: מאַקס כהן, 1 (האַרלעם, נ. י.).

ענטפער אויף „דריי אום" נומער 1:

1) פיש—שיף; 2) ליד—דיל; 3) זאָרג—גראָז.

עס האָבען געטראָפען: משה ליבערמאַן (מינעאַפּאָלים, מינ.). מאַקס כהן, 1 (האַרלעם, נ. י.). סיליע געסט (האַרלעם, נ. י.). כאַסיע קופערמאַן (דאַון־טאַון, נ. י.).

אַ נ מ ע ר ק ו נ ג: אויף דעם „געפינט מיך אויס" און אויף דער שאַראַדע נומער 2, וואָס אין צווייטען נומער „קינדערלאַנד", קענען די קינדער ענטפערן אויך אין קומענדיגען נומער.

דער וואָלף

אַט אַ געה איך
גיך און גיכער,
אַט אַ פליה איך
ווי אַ וויכער.

כאַפּ איך איינעם
און צרייס . . .
ס'וויסען אַלע —
אויף צופּליים.
שנעל אַרוים
דער קאָן איז אויס.

טויבע און שטומע
(אַ שפּיל אין פּאַנדען)

אַלע זעצען זיך אויס אין אַ ראָד און ציילען זיך אויס כסדר: 1, 2, 3, 4, 5 א. א. וו. יעדעס קינד, וואָס האָט אַן אום-צאָל (דער ערשטער, דריטער, פינפטער א. ד. ג.), מאַכט זיך פאַר אַ טויבען; און ווער עס האָט אַ גראַד-צאָל (דער צווייטער, פערטער, זעקסטער א. ד ג.), מאַכט זיך פאַר אַ שטומען.

דער ערשטער טויבער זאָגט עפּעס זיין שכן, דעם שטומען, און יענער דאַרף דאָס איבערגעבען און גוט דערקלערען דעם צווייטען טויבען אויף שטום-לשון. דער צווייטער טויבער גיט דאָס איבער דעם צווייטען שטומען א. א. וו.

אַ טויבער, וואָס הייבט אָן צו רעדען אויף שטום-לשון, אָדער אַ שטומער, וואָס ווערט רעדעוודיג, גיט אַ פאַנד.



קינדער-כאָר

וועלפעל, וועלפעל,
לויף געשווינד,
שטרענג זיך אָנ'עט,
כאַפּ אַ קינד.

ביסט אַ בייזער,
גנב'עסט רינדער;
כאַפּ זשע איינעם
פון די קינדער.